



# פרשת יתרו

**בס"ד. שיחת יום א' פ' תרומה, כ"ו שבט, ה'תנש"א**

**– לנשי ובנות חב"ד תחיינה המשתתפות בכנס השלוחות העולמי –**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

"ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם",

און מ'איז מדייק אין דעם: "בתוכם", ניט אין בית המקדש און אין דעם משכן, נאר דורך דערויף וואס "ועשו לי מקדש" איז העלפט דאס נאכמערער ארויס אין דעם **עיקר** ענין - אז ס'זאל זיין "ושכנתי בתוכם", אז דער אויבערשטער רוט אין דער הארץ פון **יעדער** אידן, בתוך כל אחד ואחת מישראל,

במילא רוט ער דורך זיי אין דער הויז אין וועלכע זיי געפינען זיך,

און ווען ס'רעדט זיך וועגן אן עקרת הבית - איז דאך פארשטאנדיק, אז זי האט אין דערויף די **עיקר**-שליחות, אז זי זאל זיין אלס "עקרת הבית" די שליחה פון דעם אויבערשטן אויף צו אויפטאן נאכמערער **אידישקייט** אין דער הויז, און במילא -אויפטאן נאכמערער **שמחה** אין דער הויז,

און אויפטאן נאכמערער אין חינוך הבנים והבנות - אט די וואס זיינען **שוין** געבענאשא געווארן מיט קינדער, און די וואס וועלן געבענטשט ווערן בקרוב ממש, און די וואס וועלן חתונה-האבן בקרוב, און די וואס גרייטן זיך צו חתונה-האבן, אין אלע ברכות והצלחות,

וואס דאס איז כולל און ווערט אלץ נכלל: יעדער גוטע זאך וואס א איד טוט, סיי א מאן און סיי א פרוי, סיי אן ערוואקסענער און סיי א קליינינקער, ביז גאר א קליינער - האט ער אין דערויף א שליחות פון דעם אויבערשטן, אז ער טוט דאס בשליחותו של הקב"ה:

דער אויבערשטער האט באשאפן א גרויסע וועלט, און האט איר באשאפן אין אזא אופן אז יעדער איד זאל קענען זאגן בשבילי נברא העולם, אז די וועלט איז באשאפן געווארן אין אזא אופן אז ס'זאל זיין "בשבילי" - ער זאל דארטן קענען געפינען זיין פלאץ און זיינע מעגלעכקייטן ווי אזוי צו צוגעבן אין וועלט, אז די וועלט זאל זיין נאכמער אידישער און נאכמער פריילעכער, מיט אן **אמת'ער** פריילעכקייט, און נאכמער געבענטשט בברכותיו של הקב"ה,

און ווי געזאגט פריער, אז הויבן הויבט זיך דאס אן פון "ושכנתי בתוכם", אין יעדער אידישער **הארץ**, און דערנאך ווערט דאס אריינגעפירט אין יעדער אידישער **הויז** - בעיקר דורך "עקרת הבית", אדער דורך דער טאטעטער וועלכע זי ערציט (אדער די באבע ערציט אויך די אייניקל), אז זיי זאלן זיך גרייטן אז ס'וועט קומען די צייט אנפירן א הויז, מתוך שמחה וטוב לבב, און מיט דער גרעסטער מאס אידישקייט וואס עס **קען** זען,

און וואס ס'קען זיין כל זמן די גאולה איז נאך ניט געקומען, איז מען דאך נאך באגרעניצט; ס'פעלט נאך די שמחה וואס וועט זיין בקרוב ממש, בבנין בית המקדש השלישי, "מקדש אדנ' כוננו ידיך",



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת יתרו

אבער ביז דעם - האט יעדער איד, ווי דערמאנט פריער סיי מאן און סיי א פרוי, סיי ערוואקסענע און סיי קליינע, אויף צו צוגעבן נאכמערער אין דער גאנצער וועלט פון דעם אויבערשטן, אז ער ווערט כביכול אנגערופן אז ער איז א "שותף" צום אויבערשטן אין "מעשה בראשית".

אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט "לעשות" - אז יעדער איד זאל קענען אין דערויף אויף אויפטאן וואס עס הענגט-אפ אן אים, און ער **קען** אויפטאן אז די וועלט זאל זיין נאכמער אידישער און זאל זיין נאכמער געבענטשט מיט דעם אויבערשטנ׳ס ברכות, און זיין נאכמער געבענטשט מיט די ברכות סיי בגשמיות און סיי ברוחניות,

*

וואס דאס איז אויך פארבונדן דערמיט וואס מ׳מאכט יעדערער פון די שלוחות מאכט מען פאר א שליח אויף צו געבן אויף צדקה, ו"כפליים לתושי׳" - דורך **צוויי** דאלער, וואס דאס איז כופל נאכמערער דעם אויבערשטנ׳ס ברכות,

און ווי דערמאנט מערערע מאל, אז דא איז דער טייטשט "כפליים" ניט באגרעניצט **צוויי** מאל אזויפיל, נאר "כפליים לתושי׳" מיינט דאס, אז אין צוגאב וואס מ׳באקומט פון דעם אויבערשטן באתערותא דלעילא וואס דער **אויבערשטער** גיט מעצמו - האט מען נאך א **צווייטע** טייל, וואס דאס איז נאך מערער וויפל דער אויבערשטער האט געגעבן;

- טאקע בכחו של הקב"ה, וואס יעדער גוטע זאך וואס א איד טוט איז דאך דער אויבערשטער אליין העלפט אים ארויס ער זאל דאס קענען טאן אין דעם בעסטן אופן און אין דעם בעסטן וועג, במילא ווערט דאס דערנאך אנגערופן און דאס ווערט פאררעכנט אז דאס איז זיין אויפטו און זיין שלימות וכו׳.

וואס דאס אלץ וועט נאכמערער מוסיף-זיין, אז אט די וואס איר האט אויס געקליבן אלס שלוחות פון צווישן זיך, במילא איז אט דאס וואס זיי טוען אלס שלוחות - ווערט דאס אויך פאררעכנט דער זכות צו יעדערן וואס האט זיי געשיקט, אז זיי זאלן אויך האבן דעם שכר פאר די פעולות וואס די **שלוחות** טוען, און וואס ווערן געטאן דורך די השפעה פון די שלוחות, אפילו אין אן ארט וואס ניט אלע געפינען זיך דארטן, כדי אויך דארטן צו מאכן א "דירה לו ית׳ בתחתונים" - האט מען אויך א טייל אין דעם שכר.

*

ועוד והוא העיקר, אז צום אלעם ערשטן איז יעדערע פון די שלוחות נעמט אויף זיך, ניט דער לשון פון "חיוב", נאר דער ענין פון "זכות", אז בשליחותו פון דעם גאנצן אידישן פאלק זיינען זיי נאכמער מוסיף אין שמחה בפשטות - אויף מאכן פריילעך ארום זיך, בא יעדער אידן און ביי אלע אידן, אפילו ביי אידן וואס געפינען זיך בריחוק מקום גשמי, עאכו"כ אט די וואס געפינען זיך בריחוק מקום רוחני.

ועוד והוא העיקר, אז מ׳גייט "מחיל אל חיל", ביז אין "יראה אל אלקים בציון" - ווי דערמאנט פריער, די גאולה האמיתית והשלימה אין "ציון".


© 2004 Jewish Educational Media, Inc.